# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויחי

מכון
באר האמונה

יו״ל ע״י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו״ל**

# אינהאלט

## ויחי

לישועתך קויתי - אמונה אין חי העולמים! ............ א

ימי השובבי"ם - זיך נעמען פון יעצט און ווייטער............ ה

והוא הצעיר - ווען מען האַלט זיך קליין ווערט מען פטור פון אַלע יסורים............ י

יושב אהלים - דער גרויסקייט פון לימוד התורה אין שובבי"ם............ יא

# ויחי

**לישועתך קויתי - אמונה אין חי העולמים!**

**לישועתך** קויתי ה' (מט, יח). אויף דיין ישועה, באַשעפער, האָב איך געהאָפט[א].

**אידישע** קינדער האָבן באַקומען אַ גוטע מתנה, אַז זיי קענען אין יעדע צרה וצוקה ח"ו האָפען און גלייבן אַז דער אויבערשטער איז אַ "כל יכול", ער האָט

---

**א.** מיר האָבן געהערט פון הרב ר' מענדל פאָלאַק שליט"א פון בני ברק, אַ וואונדערליכע געשיכטע וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין עלטער-מומע, מרס. מאַרקאָוויטש, (אַ שוועסטער פון זיין זיידן, הרה"ח ר' אליעזר פריעדמאַן ז"ל פון בני ברק, וועלכער איז נפטר געוואָרן עטליכע יאָר צוריק, אין עלטער פון 102 יאָר), אין די יאָרן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, ווי פאָלגענד:

ווען די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אַריינגעקומען אין איר שטאָט, אין אונגאַרן, האָבן זיי אַדורכגעפירט אַ "סעלעקציע". אַלע אידן פון שטאָט זענען געשטאַנען אין גרויס פּחד, וויסנדיג וואָס עס מיינט אַזאַ "סעלעקציע". מרס. מאַרקאָוויטש איז דאָרט געשטאַנען, און זיך כסדר איינגע'חזר'ט, איין מאָל און נאָך אַמאָל, די ווערטער "לישועתך קויתי ה', לישועתך קויתי ה'...". איר אויסדרוק איז געווען מיט דער אונגאַרישער אַקצענט, און עס האָט זיך געהערט "קע-ויתי", וואָס אויף אונגאַריש מיינט דאס "ווער וועט מיך אַרויסנעמען פון דאָ... דער רשע - דער דייטש וואָס האָט אָנגעפירט די סעלעקציע - האָט געהערט וואָס זי האָט גיזאָגט. ער האָט אבער נישט פאַרשטאַנען "לשון הקודש", דעריבער האָט ער געמיינט אַז זי זאָגט כסדר "ווער וועט מיך אַרויסנעמען פון דאָ... ווער וועט מיך פון דאָ אַרויסנעמען...". האָט ער רחמנות באַקומען, און געענטפערט אויף זייער שפּראַך: "איים קויתיעהם"... דאָס מיינט, "איך וועל דיך אַרויסנעמען פון דאָ". דאַן האָט ער איר גיזאָגט, "איך וועל זיך מאַכן נישט זעהענדיג, און אַזוי וועסטו קענען אַנטלויפן וואו נאָר מעגליך...".

אַזוי איז טאַקע געווען. דער גוי האָט "נישט גיזעהן", און זי איז אַנטלאָפן וואו אירע אויגן האָבן איר געטראָגן... זי איז אָנגעקומען צו אַ גוי'שע וועשעריי ("לאָנדריי" בלע"ז), און איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט, ביז'ן סוף פון דער מלחמה. דאָרט האָט זי געאַרבעט ביז'ן ענדע פון דער מלחמה, פאַרבלייבנדיג די איינציגע פון איר גאַנצע משפחה (אויסער איר דערמאנטן ברודער). נאָך די מלחמה, איז זי געפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זי האָט, ברוך השם, אויפגעשטעלט אַ ערליכע אידישע היים, אַלעס אין זכות פון די ווערטער וואָס זי האָט גיזאָגט: "לישועתך קויתי ה'...". דער "קויתי" דאס האָט איר געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

מיט בערך איינס און אַהאַלב יאָר צוריק, איז אין בני ברק נפטר געוואָרן אַן איש תם וישר, ר' משה כהן ז"ל, וועלכער פלעגט אַריינקומען אָפט צו די לעלוב'ער רבי'ס זי"ע, און איז געווען באַקאַנט אַלס "משה בן עליזה". דער דאָזיגער טייערער איד, איז ליידער פאַרוואונדעט געוואָרן רח"ל לאַנגע יאָרן צוריק, און זינט דאַן האָט ער נישט געקענט רירן קיין איין אבר רח"ל, נאָר זיין מח האָט געאַרבעט. ער איז שטענדיג געפירט געוואָרן מיט אַ "וויל טשעיר". דאָס אַלעס האָט איהם אָבער נישט צוריקגעהאַלטן פון צו זיין שטענדיג בשמחה און גוטמוטיג. ער האָט אייביג געהאַט אַ שמייכל אויפ'ן פנים. איך האָב געהערט פון יבלחט"א זיין זון, אַז ער האָט געפרעגט זיין טאַטן ר' משה: ילמדני אבי מורי, ווי אַזוי קענסטו זיין פריילין, ווען דו געפינסט זיך אין אַזאַ שווערע לאַגע, און דיין גאַנצער קערפּער איז ממש ווי אַ 'שבר כלי' רח"ל? האָט רבי משה איהם געענטפערט:

- אויב אַלע מענטשן אויף דער וועלט וואָלטן געווען אין אַזאַ מצב ווי איך, אַלע וואָלטן געזעסן אויף אַ "וויל טשעיר" און געדאַרפט אָנקומען צו הילף אויף יעדן שריט און טריט, איז דאָך פשוט אַז איך וואָלט געקענט זיין פריילין, ווייל עס איז דאָך נישט דאָ אַ חילוק צווישן מיר און אַנדערע. נאָר וואָס דען? אַלע אַרומיגע מענטשן זענען, ברוך השם, געזונט, נאָר איך בין געלעמט רח"ל און מ'פירט מיך מיט אַ "וויל טשעיר". איז דען אַ יושר, אַז כ'זאָל דערפאַר זיין טרויעריג, אַז אַלע מענטשן, זענען, ברוך ה', געזונט?...

אין די ווערטער פון דעם "איינפאַכן" איד, ליגט אַזא טיפע געוואַלידער אמת... יעדער איינער, מיט זיינע שוועריגקייטן, דאַרף זיך היטן נישט צו זיין טרויעריג צוליב דעם וואָס פאַר אַנדערע גייט עס גוט...

נישט קיין שוועריגקייט אונז צו העלפן, הוא אלקינו הוא אבינו הוא מלכינו הוא מושיענו, והוא יושיענו. ער איז אונזער באַשעפער, ער איז אונזער פאָטער, ער איז אונזער קעניג. ער איז אונזער העלפער, וועלכער וועט אונז העלפן אויך ווייטער, און ראַטעווען פון אַלע צרות.

"להודיע שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך"[ב].

אַזוי זאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים לב, י) "והבוטח בה' חסד יסובבנו"[ג]. "באלקים בטחתי לא אירא, מה

---

ענדליך האָט אַמאָל געזאָגט אַ קלוגער איד אין אַמעריקע, וואו ס'איז איינגעפירט ביי אחינו בני ישראל צו פאָרן זומער אין די 'באָנגעלאָוס' אין 'קאָנטרי'. טייל געפינען זיך דאָרט אַרום צוויי חדשים צייט, כדי זיך אָפּצורוען אין די גוטע לופט. יאָרן צוריק, איז געווען איינגעפירט, אַז אויך די רייכע לייט האָבן געהאַט אין די בערג אַלטע דירות. בעסער געזאָגט, דאָס זענען נישט געווען "דירות", נאָר "חורבות"... ווען מ'האָט אַרומשפּאַצירט אין די דירה, האָט די ערד זיך געשאָקלט... מייז האָבן זיך געדרייט "ווי ביי זיך אינדערהיים"... האָט אַ קלוגער איד אַמאָל געפרעגט, ווי אַזוי איז מעגליך אַז רייכע לייט, בעל-בתי'שע אידן, זאָלן וואוינען אין אַזעלכע אַלטע וואויונונגען, וואָס ס'איז ממש אַ חרפּה דאָרט צו וואוינען, אין דער צייט וואָס אין שטאָט וואוינען זיי אין הערליכע פּאַלאַצן, אַזוי ווי אַ קעניג בכבודו ובעצמו? האָט איינער געענטפערט, אַז וויבאַלד עס איז דאָך נאָר אַ "דירת עראי", בלויז אויף צוויי חדשים, קען מען עס "אויסהאַלטן" און דאָרט וואוינען. דער קלוגער איד האָט אָבער נישט אָנגענומען דעם אַרגומענט. ער האָט גע'טענה'ט, אַז מ'זעהט דאָך אַז אַ סאַך מענטשן גיבן אויס אַ סאַך געלט צו דינגען אַ הערליכן צימער אין אַ האָטעל אויף עטליכע טעג, אָדער מ'גיט אויס אַ "הון תועפות" צו קויפן אַ בילעט ("טיקעט") אין "ביזנעס קלאַס" אויפ'ן עראָפּלאַן. וואָס איז די "גדולה" דאָרט? מ'זיצט אויף באַקוועמערע בענקלעך, און דער תועלת איז נאָר אויף געציילטע שעה'ן. דאָ רעדט מען אָבער פון אַ לאַנגע צייט, צוויי חדשים אָדער מער... אַלע ענטפערס וואָס מ'האָט איהם געגעבן, האָט דער קלוגער מענטש אָפּגעוואָרפן. צום סוף, האָט ער פאָרגעשלאָגן אַן אייגענעם ענטפער: די ריכטיגע סיבה איז, וויבאַלד מיין חבר האָט נישט אין 'קאָנטרי' מער ווי איך האָב, און וועגן דעם איז עס אויך גוט פאַר מיר, אַז איך זאָל זיך באַגעניגענען דערמיט... נאָר אין שטאָט, וואו דער צווייטער וואוינט אין אַ פּאַלאַץ, דאַרף איך אויך האָבן אַן ענדליכן פּאַלאַץ...

**ב.** מ'דאַרף וויסן, אַז בלויז פאַר דעם בטחון אַליין ווערט מען געהאָלפן פון אַלע פּראָבלעמען, ווי דער מדרש זאָגט (שוחר טוב, תהלים כה) אויפ'ן פּסוק "אלקים בך בטחתי אל אבושה", אַז די קייזערליכע וועכטער זענען געגאַנגען אויף די גאַס און האָבן געכאַפּט אַ מענטש, וועלכער האָט אויסגעזעהן אין זייערע אויגן פאַרדעכטיגט. האָט דער מענטש זיי געזאָגט, 'לאָזט מיך אָפּ, ווייל איך בין אַ שטוב-מענטש ביים קעניג". זיי האָבן איהם אָפּגעלאָזט, און איהם געהיטן ביז אינדערפרי. אינדערפרי האָבן זיי איהם געברענגט צום קעניג, און איהם געזאָגט: "מיר האָבן נעכטן באַגעגנט דיין בן-בית". ווען דער קעניג האָט איהם געפרעגט אויב ער קען איהם, האָט ער געענטפערט אַז ניין. האָט דער קעניג איהם געפרעגט: "אויב אַזוי, ווי אַזוי ביזטו מיין שטוב מענטש?", און ער האָט געענטפערט, "טייערער קעניג, איך בין טאַקע נישט דיין בן-בית, אָבער איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דיר, ווייל אויב איך וואָלט זיי נישט געענטפערט אַזוי (אַז איך בין דיין שטוב-מענטש), וואָלטן זיי מיך געשלאָגן"... האָט דער קעניג געזאָגט צו די וועכטער: "וויבאַלד ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף מיר, דאַרפט איר איהם אָפּלאָזן". אַזוי האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט, "אלקי בך בטחתי", באַשעפער, איך האָב בטחון אין דיר, און וועגן דעם "אל יעלצו אויבי לי" - זאָלן מיינע פיינט זיך נישט פרייען אויף מיר, און נישט נאָר איך אַליין, נאָר 'כל קויך לא יבושו', אַלע וואָס האָפן צו דיר, זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן.

**ג.** דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זצ"ל, האָט זיך געפירט, יעדעס מאָל וואָס ער איז געגאַנגען מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים, צו דערציילן די דאָזיגע מעשה:

אַמאָל איז דער באַרדיטשעווער רב זי"ע געווען נישט געזונט ל"ע און די דאָקטוירים האָבן איהם אויפגעזאָגט דאָס לעבן רח"ל. זיינע תלמידים זענען געשטאַנען אינדרויסן און געזאָגט תהלים. פּלוצלינג האָבן זיי געהערט אַ גרויסן גערודער, און ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי געזעהן אַז דער באַרדיטשעווער רב ליגט אויף דער ערד. נאָך דעם ווי זיי האָבן איהם אויפגעהויבן און צוריק אַרויפגעלייגט אויפ'ן בעט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, ווייטער צו זאָגן תהלים.

יעשה אדם לי" (שם נו, יב). "אך לאלקים דומי נפשי כי ממנו תקותי, אך הוא צורי וישועתי, משגבי לא אמוט" (סב, ו-ז). "הושע עבדך אתה אלקי, הבוטח אליך"[ד]. דאָס מיינט, אַ איד פאַלט קיינמאָל נישט אַריין אין יאוש ח"ו. אפילו אויב ער געפינט זיך אין אַ צרה ח"ו, ווייסט ער אַז דער אויבערשטער איז גרעסער פון זיין צרה, און ער וועט איהם אַרויסנעמען פון פינצטערניש צו לעכטיגקייט. ער דאַרף אָבער געדענקען צו זאָגן די ווערטער "לישועתך קויתי ה'"[ה], און זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויפ'ן באַשעפער.

---

נאָך אַ שעה, האָט דער באַרדיטשעווער רב געבעטן וואַסער און טיי, און צוביסלעך האָט ער אָנגעהויבן שפירן בעסער, ביז ער איז ב"ה געוואָרן געזונט. שפּעטער, האָט דער באַרדיטשעווער רב געזאָגט צו זיינע תלמידים:

- איך האָב געהערט ווי די דאָקטוירים האָבן זיך מייאש געווען רח"ל, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט וואָס עס האָט געזאָגט מיין רבי, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, אַז "והבוטח בה' חסד יסובבנו" (תהלים לב, י) איז נישט אַ ברכה, "והבוטח בה' חסד יסובבנו" איז נישט אַ הבטחה, נאָר "והבוטח בה' חסד יסובבנו" איז אַן מציאות בדרך טבע, וואָס דער אויבערשטער האָט אַריינגעלייגט אין די בריאה. ממילא, האָב איך זיך מחזק געווען מיט אמונה אין באַשעפער, ביז איך בין אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, און דערפאַר האָט איר מיך געטראָפן ליגן אויף דער ערד.

- שפּעטער האָב איך אָבער געטראַכט ביי זיך, דער פסוק "והבוטח בה' חסד יסובבנו" איז דאָך קודש קדשים, איז דאָך זיכער אַזוי, אלא מאי, פאַרוואָס בין איך געפאַלן אויף דער ערד? נאָר עס ווייזט אויס אַז איך בין נישט געווען געגוג "בוטח" - האָט דער באַרדיטשעווער רב געזאָגט בגודל ענוותנותו - האָב איך זיך נאָך שטאַרקער מחזק געווען מיט אמונה און בטחון, און אַזוי בין איך ב"ה געזונט געוואָרן.

דער ציעשנוב'ער רב זי"ע ("דברי שמחה", ריש פ' ויגש, ד"ה "פתח מרן") לערנט אַ וואונדערליכן לימוד פון חיזוק פון די שבטים. אַז מ'טראַכט אַריין אין דעם מצב פון די שבטים אין מצרים, ווען עס האָט זיי נאָכגעיאָגט איין צרה נאָך די צווייטע. זיי זענען געווען פאַרדעכטיגט אַלס מרגלים, מ'האָט אונטערגעוואָרפן אַ בעכער אין זייערע פעקלעך, מ'האָט אַוועקגענומען שמעון פון זיי, מ'האָט אַוועקגענומען בנימין... וואָלטן זיי לכאורה געקענט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו. באמת, אָבער, איז די גאַנצע השתלשלות געווען פאַר זייער טובה, און זיי האָבן אַפילו נישט געטראַכט אַז אַ מינוט שפּעטער וועט אַלעס זיך איבערדרייען, אַזוי ווי ס'איז געווען למעשה, אַזוי דאַרף דער מענטש, אין יעדן שווערן מצב וואָס ער געפינט זיך, לעבן מיט אַ שטאַרקע אמונה אַז אין איין מינוט וועט אַלעס איבערגעדרייט ווערן מאפילה לאורה ומשיעבוד לגאולה, השתא בעגלא ובזמן קריב, אמן.

**ד.** אַזוי טייטשט דער מלבי"ם ז"ל דעם פסוק, "הושע עבדך, מצד שהוא בוטח אליך", העלף דיין קנעכט, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דיר. "וזה נוגע לכבוד שמך, לעזור הבוטחים בך", און דאָס איז נוגע דעם כבוד פון דיין נאָמען, צו העלפן די מענטשן וואָס פאַרזיכערן זיך אין דיר (ווייל אויב דער אויבערשטער העלפט דעם מענטש וואָס האָט בטחון, ווערט דאָך פאַרמערט כבוד שמים אויף דער וועלט), עכ"ל.

**ה.** מ'פירט זיך (ביי קריאת שמע שעל המטה) צו זאָגן דריי מאָל, "לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי", ווייל מ'זאָגט צום מענטש, אויף וואָס פאַראַ וועג דו וועסט זיך נאָר דרייען, און צו וועלכע זייט דו וועסט זיך נאָר ווענדן, דאַרפסטו אָנקומען צו דעם אויבערשטען'ס חסדים, ממילא, איז כדאי שטענדיג צו האָפן צום באַשעפער.

אויך ווערט געברענגט ("אזנים לתורה", פ' ואתחנן, ד"ה "כה' אלקינו בכל קראנו אליו", להגאון רבי זלמן סאָראָצקי זצ"ל אבד"ק לוצק) אַז וואָס מער דער מענטש דערנענטערט זיך מיט זיין האָפענונג צום אויבערשטען, ווערט ער נענטער צו איהם. דעריבער, ביים ערשטן מאָל ("לישועתך קויתי ה'") איז דער שם הוי' דאָס דריטע וואָרט, ביים צווייטן מאָל, איז עס דאָס צווייטע וואָרט ("קויתי ה' לישועתך"), און דאָס דריטע מאָל, איז דער שם הוי' דאָס ערשטע וואָרט צווישן די דריי ווערטער ("ה' לישועתך קויתי")...

עס ווערט געברענגט (ספר "תורת אבות", מעשי אבות, קלה) אַז הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט אַמאָל באַגעגנט אַ איד וואָס איז געווען טרויעריג, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט דער איד איהם דערציילט וועגן זיין שווערע לאַגע, האָט דער קאָברינער איהם געזאָגט: ווען אַ איד געפינט זיך אין אַן ענגען מצב ח"ו, דאַרף ער זאָגן "לישועתך קויתי ה'". אויב זיין מצב ווערט ערגער ח"ו, זאָל ער זאָגן "קויתי ה' לישועתך", און

אויב זיין מצב איז נאָך ערגער, זאָל ער זאָגן "ה' לישועתך קויתי"... (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דורך די אַלע אויסדרוקן פון האָפענונג צום באַשעפער, וועט ער צום סוף אַרויסגיין מאפילה לאורה).

אין דעם כלל איז אויך, אַז וואָס מער מ'זאָגט "לישועתך קויתי ה'", און מ'באַקט איין אין זיך דעם בטחון, ווערט מען נענטער צום אויבערשטען, און ממילא "זעהט" מען שוין די ישועה פאַר די אויגן.

אַזוי האָט געזאָגט דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, אויפ'ן פסוק (תהלים לז, ג-ד) "בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה, והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך". האָט דער בריסקער רב געזאָגט, אַז דער צווייטער פסוק רעדט וועגן אַ גרעסערע מדריגה אין בטחון, אַז ער איז אַזוי זיכער אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן, אַז שוין יעצט האָט ער פאַרגעניגן ("והתענג על ה'") גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאָלפן געוואָרן, און אין דעם זכות: "ויתן לך משאלות לבך".

די וועלט זאָגט אַ ווערטל וועגן די מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום טאָג און נאַכט זוכנדיג געלט, "אַנשטאָט דרייען מיט געלט, דריי מיט דעם פסוק 'לישועתך קויתי'... וועסטו בעסער אָנקומען".

הגאון רבי שלמה קאַליש זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען אויף שבת ביים גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל, און ביי 'שלש סעודות' האָט ער געהערט ווי רבי חיים זאָגט מיט גרויס התלהבות במשך פון 20 מינוט, "לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי".

אויפ'ן פסוק (תהלים כז, יד) "קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'", זאָגט די גמרא (ברכות לב:) אַז דער פסוק זאָגט צוויי מאָל "קוה אל ה'", דיך צו לערנען, "אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל". אויב דער מענטש זעהט אַז ער האָט געבעטען און ער איז נישט געהאָלפן געוואָרן, זאָל ער בעטן אַ צווייטן מאָל. קען מען זאָגן אַ כוונה, אַז די חז"ל קומען אונז אויך לערנען, אַז אויב דער מענטש האָט געהאָפט צום אויבערשטען און ער איז נישט געענטפערט געוואָרן, ווייל זיין בטחון איז נישט געווען בשלימות, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר ער זאָל ווייטער האָפען, און אויך אויב דאָס ערשטע מאָל האָט ער נישט "מצליח געווען", וועט ער דאָך ביים צווייטן מאָל שוין האָבן אַ שטאַרקערן בטחון. דאָס איז אויך דער ענין וואָס מ'זאָגט דריי מאָל "לישועתך קויתי ה'", כדי אַז אויב ביים ערשטן מאָל זאָגן האָט ער נאָך נישט געהאַט דעם אמת'ן בטחון, זאָל ער זאָגן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, "לישועתך קויתי ה'", ביז ער וועט צום סוף זוכה זיין צום אמת'ן בטחון אין באַשעפער.

דער כלל איז, דער מענטש דאַרף איבער'חזר'ן איין מאָל און נאָך אַמאָל - לישועתך קויתי ה'. ער זאָל גוט איינוואָרצלען אין האַרץ די האָפענונג צום באַשעפער, און אַזוי וועט ער באמת געהאָלפן ווערן פון אַלע זיינע פּראָבלעמען. פונקט ווי מ'איז "מעביר סדרה" די פרשה יעדע וואָך "שנים מקרא ואחד תרגום", צוויי מאָל מקרא, און איין מאָל תרגום, וואָס מ'איז מרמז דערמיט אַז מ'לייענט דעם פסוק, און דערנאָך טייטשט מען עס איבער "בכל לשון שהוא שומע", אויף וועלכע שפּראַך ער פאַרשטייט נאָר, און דערנאָך לייענט מען דעם פסוק נאָך אַמאָל, ווייל דורך דעם גייט עס אַריין אין האַרץ, אַזוי דאַרף מען זאָגן "לישועתך קויתי ה'", און "אויסטייטשן" פאַר זיך דעם פשט דערפון, יעדער איינער וואו אימער, און אין וועלכן מצב ער געפינט זיך, צו דערגיין ווי אַזוי ער האָפט באמת אויף די ישועה, און דאַן זאָל ער עס ווידער איבער'חזר'ן, ביז די זאַך איז גוט איינגעקריצט אין זיינע ביינער...

אַזוי ברענגט דער "שערי תשובה" (סוף סימן קיח) אין נאָמען פון מהר"י צמח ז"ל, "איך האָב אויך אין זינען (ביים זאָגן די ווערטער, "כי לישועתך קוינו כל היום"), צו האָפען אויף די ישועה פונעם אויבערשטען וואָס ער טוט מיט אונז, אונז צו ראַטעווען פון אַ סאַך שלעכטע פגעים יעדן טאָג און יעדע מינוט, און איך האָב דורך דעם געפונען אַ גרויסן נוצן אַ סאַך מאָל אין אַ עת צרה" עכ"ל.

מיר האָבן שוין געזאָגט מערערע מאָל, אויף די ברכה וואָס מיר מאַכן יעדן אינדערפרי ביי תפילת שחרית "הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה". פאַרוואָס דערמאַנען מיר פונקט דאָס הינדל, אַז עס ווייסט צו מאַכן אַן חילוק צווישן טאָג און נאַכט? אַלע חיות און בהמות ווייסן דאָך אויך דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט? נאָר די אַנדערע חיות און בהמות ווייסן דעם חילוק, ערשט ווען עס ווערט טאָג, ווייל דעמאָלטס ווערט לעכטיג אויף די וועלט, ממילא דערקענען זיי דעמאָלטס דעם חילוק, אָבער דער "שכוי" - דאָס הינדל, פאַרשטייט שוין ווען עס איז נאָך טונקל אויף דער וועלט, אַז עס וועט באַלד קומען לעכטיגקייט אויף דער וועלט, און ער קרייט שוין ווען ס'איז נאָך נאַכט אויף דער וועלט. דאָס איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז מ'זאָל נישט ווערן צעטומלט ווען עס איז טונקל ח"ו, יעדער איינער אויף זיין אופן, נאָר מ'זאָל וויסן און זעהן שוין יעצט די לעכטיגקייט וואָס גרייט זיך צו קומען אויף דער וועלט, און די דאָזיגע מעלה פאַרדינט אַ ברכה פאַר זיך, "הנותן לשכוי בינה".

אַזוי זאָגט די גמרא (מנחות כט:) אויפ'ן פסוק (ישעיה כו, ד) "בטחו בה' עדי עד כי בי-ה ה' צור עולמים", "כל התולה בטחונו בהקדוש ברוך הוא, הרי הוא לו מחסה בעולם הזה ובעולם הבא". יעדער איינער וואָס האָט זיין בטחון אויף דעם באַשעפער, שיצט איהם דער באַשעפער אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

**ימי השובבי"ם - זיך נעמען פון יעצט און ווייטער**

**שטייענדיג** ביים טויער פון די שובבי"ם טעג[ו], וואָס זענען טעג פון תשובה און תיקון המעשים, דורך לערנען תורה, דורך אויסאיידלען די מידות און טהרת הנפש[ז], דאַרפן מיר זיך אַביסל מתבונן זיין אין די וועגן פון תשובה וואָס זענען פאַר אונז געגעבן געוואָרן[ח].

---

דאס קען אויך זיין אַ טעם פאַרוואָס שטייט אין "פרק שירה" (פ"ד) "תרנגול אומר לישועתך קויתי ה'", ווייל "קרות הגבר" איז דאָך דאָס הינדל ("תרנגול"), און דאַן איז נאָך אַלץ פינצטער אויף דער וועלט, און וועגן דעם "רופט" ער אויס לאָזט וויסן אַלע מענטשן פון דער וועלט, זיי זאָלן זיך נישט דערשרעקן ווען זיי זעהען אַז ס'איז "פינצטער" ח"ו, נאָר "לישועתך קויתי ה'".

מ'דערציילט אַ ווערטל, אַז מענטש איז געקומען אין די ירושלים'ער "שטיבלעך", באַקאַנט אַלס "זכרון משה", 12 אַזייגער מיטאָג, און געזאָגט הויך אויפ'ן קול די ברכה "הנותן לשכוי בינה"... האָט מען איהם געזאָגט: "ר' איד, מ'האָט שוין לאַנג גע'שחט'ן דאָס הינדל וועגן וועלכן איר רעדט אַז ער האָט פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט...". ווייל ווי געזאָגט, ס'איז נישט קיין "חכמה" צו וויסן דעמאָלטס ווען די זון שיינט מיט די גרעסטע שטאַרקייט אינמיטן טאָג, אַז ס'איז דאָ אַ מושג פון "טאָג" און "נאַכט". ס'איז א רבותא צו וויסן דעם חילוק, דעמאָלס ווען עס איז נאָך נאַכט, צו געדענקען אַז אָט-אָט וועט די זון אויפשיינען, און ס'וועט ווערן לעכטיג אויף דער וועלט...

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער בטחון דאַרף זיין נאָר אין דעם אויבערשטען, און נישט אין אַ בשר ודם אָדער אין אַנדערע ענינים.

אַזוי טייטשט דער "כתב סופר" (פ' ויחי, ד"ה "לישועתך"), אויף דעם וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו דן, "לישועתך קויתי ה'", אַז נאָך דעם ווי יעקב האָט געזעהן בנבואה אַז עס וועלן אַרויסקומען גיבורים פון שבט דן, האָט ער געוואָלט אָנזאָגן, מ'זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף די אייגענע שטאַרקייט, נאָר - לישועתך קויתי ה' - איך קוק אַרויס נאָר אויף די ישועה פון דעם באַשעפער. מ'טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף די גבורה פון אַ ילוד אשה. דעריבער האָט ער אויסגעפירט "לישועתך קויתי ה'", און נישט אויף די ישועה פון אַ מענטש.

**ו.** שוב"ב איז ראשי תיבות 'שמחים ב'צאתם ו'ששים ב'בואם, מ'זאָל זיין שטענדיג בשמחה טראָץ אַלעס וואָס מ'האָט קאָליע געמאַכט פריער, און דאַן קען זיין די ראשי תיבות פון שובבי"ם: ש'פע ב'רכה ו'הצלחה ב'כל מ'עשה י'דינו.

**ז.** דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט אַ זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי:

- יעדעס מאָל ווען דו גייסט אַרויס קעמפן אויפ'ן פראָנט, שטעלסטו זיך אין אַ ספק פון 'העלפט אויף העלפט" - עס איז אַ ספק אויב דו וועסט צוריקקומען פון פראָנט לעבעדיג, אָדער דו וועסט אומקומען אין די שלאַכטן, און פונדעסטוועגן גייסטו אַרויס צום שלאַכט מיט אַ פרייליך געמיט. ווי אַזוי שטימט דאָס מיט דעם וואָס מיר זעהען אַז אַ קראַנקער מענטש רח"ל איז מסכים צו ליידן יעדן צער און יסורים רח"ל אויף דער וועלט, אַלץ כדי צו בלייבן לעבן נאָך אַביסל. איז ווי אַזוי קעסטו מפקיר זיין דיין לעבן אין די מלחמה, און נאָך מיט אַזאַ געפיל פון שמחה און באַגייסטערונג?.

האָט דער סאָלדאַט געענטפערט דעם בעל התניא:

- וויסן זאָלט איר, אַז ווען אַ סאָלדאַט גייט אַרויס אין קאַמף קעגן דעם שונא, שטאַרקט זיך אין איהם די תאווה פון נצחון, צו באַזיגן דעם פיינט, און די 'תאווה' איז פיל שטאַרקער ווי דער ווילן און באַגער פון אַ מענטש צו לעבן...

הערנדיג דעם הסבר פונעם סאָלדאַט, האָט דער בעל התניא זי"ע געזאָגט, אַז דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון די חז"ל (ברכות ה.) "לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע", מ'קען מאַכן דעם יצר טוב זיגן קעגן דעם יצר הרע, נאָר אויף אַן אופן פון "ירגיז" - דורך פירן אַ "רוגזה" און מלחמה מיט'ן יצר הרע, ווייל דאַן וועט די "תאווה" צו באַזיגן דעם יצר, זיין חשוב'ער ביי איהם ווי זיין עצם לעבן.

**ח.** דער דזשיקוב'ער רב, הרה"ק בעל "עטרת ישועה" זי"ע, האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס אין דער שטאָט וויען, און געזעהן ווי איינער רייניגט די גאַס. איז ער צוגעגאַנגען צו יענעם און

**דער** פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (מח, יג) "ויקח יוסף את שניהם, את אפרים בימינו משמאל ישראל ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל, וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים ואת שמאלו על ראש מנשה". יוסף האָט גענומען זיינע צוויי זון, אפרים אויף זיין רעכטע זייט צו די לינקע זייט פון יעקב, און ער האט געשטעלט מנשה אויף זיין לינקע זייט, צו די רעכטע זייט פון יעקב. האָט יעקב געלייגט זיין רעכטע האַנט אויפ'ן קאָפּ פון אפרים, און זיין לינקע האַנט אויף דעם קאָפּ פון מנשה.

---

געפרעגט, "פאַרוואָס דאַרפסטו אַזוי שווער אַרבעטן צו רייניגן די גאַס? ביז אַ קורצע צייט, וועט די גאַס זיין פונקט אַזוי שמוציג ווי פריער, איז פאַרוואָס דאַרפסטו אַרבעטן אומזיסט?". האָט דער גוי איהם געענטפערט:

- ריכטיג טאַקע, אַז ביז געציילטע שטונדן וועט די גאַס זיין פאַרשמירט אַזוי ווי פריער, אָבער אויב איך וועל נישט רייניגן כסדר די גאַס, וועט דער שמוץ דערגרייכן ביז'ן הימל... עס וועט שוין מער נישט זיין מעגליך צו רייניגן דאָ...

האָט דער "עטרת ישועה" שפּעטער געזאָגט, אַז פון דעם גאַסן-רייניגער האָט ער געלערנט אַ וויכטיגן לימוד, אַז דאָס איז אונזער אַרבעט אין די שובבי"ם טעג, צו רייניגן און שווענקען, און אויב דער מענטש וועט אָנהייבן מיט זיינע חשבונות, איך וועל דאָך ממילא ווידער קאַליע מאַכן ח"ו נאָך דעם ווי עס וועלן אַדורכגיין די שובבי"ם טעג, און אויב אַזוי, וואָס וועל איך פאַרדינען פון זיך רייניגן יעצט פון מיינע זינד? איז דאָס אָבער אַ לעכערליכע טענה, ווייל אויב ער וועט יעצט נישט תשובה טוהן און רייניגן זיך פון די עבירות, וועלן די עבירות איהם "פאַרשווענקען" ח"ו ביז איבער'ן קאָפּ...

איינע פון די הויפּט פונקטן פון תשובה איז, נישט אָפּצולייגן די תשובה און זאָגן, ווען עס וועט קומען אַ געוויסע צייט, אָדער וועל איך וועל זיין אין אַ געוויסן אָרט, וועל איך תשובה טוהן, ווי די ספרים זאָגן אויף די ווערטער פון די חז"ל (שבת פח.) אַז פאַר מתן תורה, האָט דער אויבערשטער אַריבערגעבויגן דעם באַרג סיני אויף די בערג פון די אידן און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נישט נעמען די תורה, "שם תהא קבורתכם" - וועט איר 'דאָרט' באַגראָבן ווערן. דאָס וואָרט "שם" - "דאָרט" - איז מרמז, אַז אויב דער מענטש זאָגט: "שם" - ווען איך וועל קומען "דאָרט" וועל איך לערנען און דאַווענען, "תהא קבורתכם" - דאָס אַליין איז זיין "קבורה" ח"ו...

עס איז דאָ אַן עוף מיט'ן נאָמען "שלך". די פעדערן פון דעם פויגל, האָבן אַ שלעכטן ריח וואָס שפּירט זיך ווייט-ווייט, אַזוי אַז ס'איז נישט מעגליך צו שטיין אין זיין סביבה. אַמאָל איז דער "שלך" אַרויפגעפלויגן אויף אַ בוים וואו עס האָבן זיך געפונען אויך אַנדערע פייגל, און ער האָט דאָרט אויך געוואָלט אויפשטעלן אַ "נעסט" פאַר זיינע קינדער. די אַנדערע פייגל, האָבן אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן זיין שלעכטן ריח, און זיי האָבן איהם באַלד פאַרטריבן פון דאָרט. איז דער "שלך" געגאַנגען און אויפגעשטעלט אַ נעסט אויפ'ן דאַך פון אַ הויז, אָבער באַלד זענען די איינוואוינער פונעם הויז אַרויסגעקומען און איהם פאַרשיקט, אַז ער זאָל נישט "איבערלאָזן" דאָ זיין שלעכטן ריח. בלית ברירה, האָט דער "שלך" זיך גענומען פליען ווייט-ווייט. ווען דער פויגל "ינשוף" האָט עס באַמערקט, האָט ער איהם געפרעגט: ר' שלך, וואוהין פליסטו? האָט דער "שלך" געענטפערט: "איך זעה דאָך אַז דאָ בין איך נישט 'מרוצה לקהל', דעריבער פלי איך אין דער ריכטונג פון אַן אַנדער לאַנד, אפשר וועט מען מיך דאָרט יאָ אויפנעמען בסבר פנים יפות". האָט דער "ינשוף" איהם געפרעגט, "צו האָסטו דען אָפּגעשניטן דיינע פעדערן?", אויף וואָס דער "שלך" האָט געענטפערט, אַז ניין. האָט דער "ינשוף" איהם געזאָגט: "אויב אַזוי, האָסטו נישט וואָס צו פליען ווייט אַוועק, ווייל דו וועסט דאָרט האָבן דעם זעלבן 'קבלת פנים' ווי דאָ... מ'וועט דיך אויך פון דאָרט פאַרטרייבן מיט בושות... אַזוי לאַנג ווי דו שנייד'סט נישט אָפּ דיינע פליגל און פעדערן וואָס גיבן אַרויס אַ שלעכטן געשמאַק, וועט דיר נישט העלפן דיין אַריבערפליען איבער דער וועלט. איבעראַל וואו דו וועסט אָנקומען, וועט דאָך דער שלעכטער ריח מיטקומען מיט דיר, און מ'וועט דיך פאַרטרייבן מיט חרפות און בושות, ווייל קיינער קען נישט פאַרטראָגן דעם שלעכטן ריח פון דיינע פעדערן".

דער נמשל: יעדער איינער דאַרף וויסן ווען עס קומען די יעצטיגע טעג, אַז ער דאַרף אָפּרייסן פון זיך דעם "וואָרצל" וואָס איז גורם ער זאָל האָבן אַ "שלעכטן ריח", און אַריינגיין אין די טעג פון שובבי"ם מיט אַ גוטן רצון, ווייל אויב ער וועט אַריינקומען מיט'ן זעלבן "שמוץ" ברוחניות, אָן אַ רצון צו פאַרבעסערן זיינע וועגן, איז ער ענליך צו יענעם 'שלך', וועלכער ווערט פאַרטריבן פון איין אָרט צום צווייטן צוליב זיין שלעכטן ריח.

**וואָס** זענען געווען די חילוקי-דעות צווישן יעקב און יוסף? זאָגט דער שינאָווער רב זי"ע ("דברי יחזקאל", פרשתינו, ד"ה "ויקח") אַז יוסף'ס שיטה איז געווען, אַז דער מענטש וואָס וויל תשובה טוהן, דאַרף קודם מתקן זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, און דערנאָך זאָל ער אָנהייבן מקיים זיין מצוות און מעשים טובים, ווייל אַזוי לאַנג ווי דער מענטש פאַררעכט נישט וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט מיט זיינע עבירות, זענען די מעשים טובים וואָס ער טוט, נישט אַרויף לרצון פאַר'ן באַשעפער. יעקב אבינו האָט אָבער געהאַלטן אַנדערש, אַז דער מענטש וואָס וויל תשובה טוהן דאַרף פון יעצט און ווייטער מקיים זיין מצוות און מעשים טובים, דינען דעם אויבערשטען מיט תורה ותפלה, און ער זאָל נישט וואַרטן ביז ער וועט ערשט פאַררעכטן אַלעס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט.

**צוליב** דעם האָט יוסף אַוועקגעשטעלט אפרים אויף די לינקע זייט פון זיין טאַטן יעקב, און מנשה'ן אויף די רעכטע זייט, כדי ער זאָל בענטשן מנשה מיט זיין רעכטע האַנט, ווייל "מנשה" איז פון לשון פאַרגעסן ("כי נשני אלקים"), און די מדה פון שכחה איז דער עיקר, ערשט צו פאַררעכטן וואָס מ'האָט געזינדיגט און פאַרגעסן די שלעכטע מעשים. יעקב האָט אָבער געטוהן פאַרקערט, "שכל את ידיו", ער האָט איבערגעדרייט זיינע הענט, כדי צו בענטשן די מדריגה פון אפרים מיט זיין רעכטע האַנט, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז די עבודה פון "אפרים", וואָס איז "עשה טוב", איז דער עיקר, און אויב דער מענטש וויל תשובה טוהן, זאָל ער טוהן די מצוות פון היינט און ווייטער, און נישט וואַרטן ביז ער וועט פאַררעכטן אַלעס וואָס ער האָט געזינדיגט ביז יעצט.

**האָט** יוסף געזאָגט צו זיין פאָטער, "לא כן אבי, כי זה הבכור", נאָר אויב מ'פאַררעכט קודם די חטאים, קענען די מעשים טובים וואָס מ'איז מקיים שפּעטער, זיין בעסער פון די פריערדיגע מעשים טובים, ממילא דאַרף מען ענדערש בענטשן די דאָזיגע מדריגה.

**אויף** דעם האָט יעקב איהם געענטפערט: "ידעתי בני ידעתי", איך ווייס גאַנץ גוט אַז די מדריגה וועגן וועלכע דו רעדסט, איז זייער גוט, אָבער "ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו", עס איז שווער פאַר אַ בעל תשובה צו קומען צו די מדריגה באַלד צו פאַררעכטן אַלעס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט. עס איז אַ סאַך גרינגער צו דערגרייכן די מדריגה פון מקיים זיין תורה און מצוות, ווי איידער קודם מתקן צו זיין אַלע פגמים, עכ"ל[ט].

---

**ט.** דער אוהעל'ער רב, הרה"ק רבי משה יוסף טייטעלבוים זצ"ל (זון פון "ייטב לב" זי"ע), איז אַמאָל פאַר די ימים נוראים, געווען אַ שבת אין שינאָווא. נאָך שבת, האָט ער געטראַכט ביי זיך, "מיט וואָס פאַר איך דען אַהיים?".

פלוצלונג האָט דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע געעפנט די טיר, און זעהענדיג ווי רבי משה יוסף שטייט אַזוי פאַרטראַכט. האָט דער שינאָווער רב איהם צוגערופן, און דערציילט:

- אַלס יונגערמאַן, בין איך אַמאָל געווען אין בעלזא ביים "שר שלום" זי"ע אויף אַ שבת. מוצאי שבת, האָב איך זיך אַרומגעדרייט מיט די מחשבה: "מיט וואָס פאַר איך אַהיים פון דאַ? וואָס האָב איך דאָ קונה געווען?". אַזוי טראַכטנדיג, קומט מיר אַנטקעגן דער בעלזער רב, און ער זאָגט מיר:

- דער יצר הרע זוכט אַריינצולייגן קאַלטקייט אין אַן ערליכן איד, דורך דעם וואָס ער מאַכט איהם טראַכטן וועגן דעם וואָס ס'איז געווען. זאָלסטו וויסן, דאָס איז טריפה! אַ איד דאַרף נאָר טראַכטן וואָס עס וועט זיין מכאן ולהבא - און פאָר לחיים ולשלום!

פון די ווערטער פון שינאָווער רב, האָט רבי משה יוסף שוין געהאַט אַ תשובה אויך אויף זיינע אייגענע מחשבות.

די דאָזיגע מעשה איז כדאַי צו געדענקען פאַר די ימי השובבי"ם, ווען מ'רייניגט זיך און מ'טראַכט נישט וועגן דעם וואָס ס'איז געווען, נאָר וועגן דעם וואָס מ'וועט טוהן פון דאָ און ווייטער.

די דערמאַנטע מעשה וואס רבי משה יוסף האָט געהאַט ביים שינאָווער רב, ווערט געברענגט אין ספר "בנין דוד", פון זיין איידעם, הגאון רבי דוד דוב מייזליש זצ"ל אבד"ק אוהעל (ח"ב, ליקוטי ש"ס, כז:), און ער טייטשט דערמיט, די ווערטער פון די גמרא (שבת סג:) אויפ'ן פסוק (קהלת יא, ט) "שמח בחור בילדותך וייטיבך לבך בימי בחורותיך... ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט", זאָגט אויף דעם די גמרא: "עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב". זאָגט דער "בנין דוד": "עד כאן" - אויב דער מענטש טראַכט שטענדיג וועגן דעם וואָס ס'איז געווען ביז

**אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט** (ספה"ק 'בית אהרן', ליקוטים, ע' קמג., בשם הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע) **אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה** (מח, כ) **"ויברכם ביום ההוא לאמור". יעקב אבינו ע"ה האָט געבענטשט די שבטים,**

---

היינט - "עד כאן" - איז עס "דברי יצר הרע". אָבער דער יצר טוב זאָגט צום מענטש, דו זאָלסט נאָר טראַכטן "מכאן ואילך", קוק נישט צוריק צו די פאַרגאַנגענהייט, נאָר צום עתיד, צו גיין אויפ'ן וועג פון תורה ומצוות, און צום סוף וועסטו אָנקומען צו גאָר הויכע מדריגות און מעלות ברוחניות.

דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע האָט געהאַט אַ תלמיד, דער באַקאַנטער בעל תשובה הרה"ק רבי אהרן דאָקטאָר גאָרדי זצ"ל. כידוע, האָט דער מגיד געליטן פון אַ שטאַרקע חולשה ל"ע אויף זיינע פיס, און רבי אהרן פלעגט באַהאַנדלען דעם מעזריטשער מגיד.

אַמאָל האָט רבי אהרן זיך געוואָנדן צום מגיד, און זיך באַקלאָגט פאַר איהם אויף פאַרשידענע געדאַנקען וואָס יאָגן איהם נאָך, נאָך פון זיין יוגנט, און לאָזן איהם נישט צורוה. האָט דער מגיד איהם געזאָגט אַ משל:

- אַ איד האָט געהאַט אַ קרעטשמע, וואו די גוים פלעגן קומען טרינקען, און זיי פלעגן זיך אָפט מאָל אָנ'שיכור'ן. לימים האָט ער זיך באַרעכנט, אַז עס איז נישט קיין תכלית דאָס הויז זאָל אויסזעהן אַזוי, גוים קומען דאָ טרינקען און מאַכן איבערקערענישן. אַלזאָ, ער האָט פאַרשפאַרט די קרעטשמע, און געעפענט אַ געשעפט צו פאַרקויפן סחורה צו נייען קליידער.

אַמאָל אינמיטן נאַכט זענען געקומען אַ גרופע גוי'שע שיכורים, און געוואָלט קויפן קאָניאַק... לכתחילה, האָט דער געוועזענער קרעטשמער זיי איגנאָרירט, און זיך נישט וויסנדיג געמאַכט פון זיי. זיי האָבן אָבער וויטער שטאַרק געקלאַפט אויף די טיר, ביז דער קרעטשמער האָט געזעהן אַז אָט-אָט וועלן זיי צוברעכן די טיר פון הויז, וואָס דאַן וועט זיין פיל שווערער "פטור צו ווערן" פון זיי... האָט ער זיי געזאָגט פון אינוויינינג, אַדורכשרייענדיג איבער די טיר: "איך בין שוין מער נישט אַ קרעטשמער. דאָ געפינט זיך מער נישט קיין וויין, און קיין שיכורים... איר האָט מער נישט וואָס צו זוכן ביי מיר אין הויז... איר וועט דאָ טרעפן נאָר סחורה צו נייען קליידער"...

און דער מגיד האָט אויסגעפירט צו רבי אהרן דאָקטאָר גאָרדי:

- דאָס זעלבע, ווען דער יצר הרע קומט צו דיר און וויל דיך אָנרייצן מיט די אַלע שלעכטע מחשבות, זאָלסטו איהם נישט עפענען אַפילו אַ קליין טירל, ווייל דאַן וועט זיין פיל שווערער פאַר דיר איהם צו פאַרטרייבן. זאָג איהם "פון אונטער'ן טיר", דו האָסט געהאַט אַ טעות מיט'ן 'אַדרעס'... איך בין שוין נישט דער זעלבער דאָקטאָר וואָס כ'בין געווען מיט יאָרן צוריק... איך האָב דאָ געעפענט אַ ניי 'געשעפט'. פון יעצט און וויטער דין איך דעם אויבערשטען, און די אַלע שלעכטע געדאַנקען, האָבן נישט מער קיין רשות איבערצוטרעטן מיין שוועל!...

עס האָט דערציילט הרה"צ רבי זלמן בריזעל זצ"ל, אַז איינע פון די נקיי הדעת שבירושלים איז אַמאָל אַריינגעפאַלן מיט איין פוס אין איינע פון די גריבער אין ירושלים (וואו עס לויפט דער וואַסער קאַנאַל. אין יענעם פאַל, איז דאָס דעקל נישט געווען גוט אַרויפגעשטעלט צו פאַרדעקן דעם גרוב) און ער האָט דערנאָך געהאַט יסורים דערפון עטליכע וואָכן. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז פון דאַן און ווייטער, ווען ער איז געגאַנגען אויף די גאַס, האָט ער זיך דערווייטערט פון די פאַרדעקטע גריבער... זאָגנדיג, אַז "ס'איז גענוג אַריינצופאַלן איינמאָל"...

און רבי זלמן האָט צוגעלייגט: אַזוי טראַכט איך אויך וועגן די נשמה. אַז מ'איז איינמאָל דורכגעפאַלן, דאַרף מען אַכטונג געבן צו אַנטלויפן פון דעם חטא, מ'זאָל נישט אַריינפאַלן נאָך אַמאָל ח"ו אינעם גרוב.

הגה"צ רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה "חידושי הרי"ם" אין תל אביב, פלעגט זאָגן: דער 'עבר' איז אַ רבי, דער 'הווה' איז אַזוי ווי אַ חבר, און דער 'עתיד' איז אַ פרעמדער. דאָס מיינט, פון דעם 'עבר' דאַרף דער מענטש זיך אַראָפּלערנען, ווי אַ תלמיד לערנט ביים רבי'ן, נישט צו באַגיין די זעלבע פעלערן ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, און מ'זאָל פאַרשטיין וואָס מ'דאַרף טוהן מכאן ולהבא. דער 'הווה' איז ווי אַ חבר, וואָס מ'דאַרף אָפּגעבן כבוד, און בעיקר, נישט וויינען יעצט אויפ'ן מצב, נאָר טוהן 'למעשה', און דער עתיד, איז ווי אַ פרעמדער מענטש, וואָס מ'קען איהם נאָך נישט. ער איז נאָך נישט דאָ געווען...

די קדמונים האָבן טאַקע אַזוי געזאָגט: דער 'עבר', איז 'חלומות'; דער 'עתיד' איז 'דמיונות'; און דער 'הווה' - נסיונות. אַ קלוגער מענטש, געבט אַכטונג נישט אַריינצופאַלן אין יאוש ח"ו צוליב די זכרונות פונעם 'עבר', אָדער די דאגות פונעם 'עתיד', נאָר ער לעבט פרייליכערהייט מיט'ן 'הווה'.

זיי זאָלן שטענדיג האָבן פאַר זייערע אויגן נאָר דעם "יום ההוא" - יענעם טאָג אין וועלכן זיי שטייען יעצט, און זיי זאָלן ענטפערן דעם יצר הרע וואָס וויל זיי אַריינברענגען אין אַ מרה שחורה ח"ו צוליב די מעשים פון נעכטן, איך האָב נישט קיין שייכות מיט'ן נעכטיגן טאָג, און אויך נישט מיט'ן 'מאָרגן'. אין האָב נאָר "ביום ההוא" - דעם היינטיגן טאָג, ווען איך הייב אָן צו דינען דעם אויבערשטען מיט אַ פרישקייט.

**דער** מענטש זאָל נישט טראַכטן, אוי, ס'איז דאָך מיר אַזוי שווער אָנצוהייבן אַ נייע אַרבעט, נאָר כסדר געדענקן וואָס דער יעב"ץ ז"ל זאָגט (אבות פ"ב, מ"ב) אויפ'ן פסוק (תהלים לז, ה) "גול ה' דרכך, ובטח עליו והוא יעשה". דוד המלך ע"ה רעדט וועגן אַ מענטש וואָס נויטיגט זיך אין 'חיזוק' אין עבודת השי"ת, זאָל ער נישט זאָגן, איך בין נישט בכוח זיך צו שטאַרקן קעגן דעם יצר הרע, נאָר ער זאָל וויסן, אַז פונקט ווי דער מענטש וואָס דאַרף אַראָפּקאָלערן אַ שטיין פון שפּיץ באַרג צו דער ערד, דאַרף ער נאָר געבן אַ קליינעם 'שטופּ', און דער שטיין וועט זיך אַליין אַראָפּקאָלערן, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך נאָר אַביסל שטאַרקן', און מיר ווייסן אַז "הבא ליטהר מסייעין אותו" (שבת קד.), מ'וועט איהם שוין העלפן פון הימל צו גיין אויפ'ן ריכטיגן און ערליכן וועג[א].

**וועט** דער מענטש זאָגן, איך בין דאָך שוין אַריינגעפאַלן אַזוי פיל מאָל אין דער נעץ פונעם יצר, ווי אַזוי קען איך זיך יעצט מחזק זיין? איז דער תירוץ, מיר לערנען אין דער משנה (ב"ק לא.) "שני קדרין שהיו מהלכין זה אחר זה וכדיהן בידם", צוויי מענטשן וואָס מאַכן טעפּ זענען געגאַנגען איינער אינטער אַנדערן אויפ'ן וועג, און האָבן געהאַלטן קריגלעך אין זייערע הענט. "נתקל הראשון ונפל, ואחר כך נתקל שני בראשון", אויב דער ערשטער איז געשטרויכלט געוואָרן אויפ'ן וועג און ער איז אַראָפּגעפאַלן, און דערנאָך איז דער צווייטער געפאַלן אויפ'ן ערשטן. "חייב הראשון בנזקי שני", איז דער ערשטער מחויב צו באַצאָלן פאַר די שאָדנס וואָס דער צווייטער האָט געליטן ווען ער איז אַרויפגעפאַלן אויף איהם. און די גמרא איז מסביר דער טעם דערפון, אַז דער ערשטער איז מחויב נישט דערפאַר ווייל זיין עצם פאַלן ווערט גערעכנט אַזוי ווי אַ "פשיעה" (ווי ס'איז די שיטה פונעם תנא רבי מאיר, נאָר אַפילו לויט די חכמים וואָס האַלטן אַז אַ "נתקל" איז אַן "אונס", איז ער דאָ חייב), נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיך געדאַרפט אויפשטעלן נאָכ'ן אַראָפּפאַלן, און ער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט תיכף ומיד.

**לערנען** די בעלי המוסר פון די גמרא, אַז מ'זאָגט צו אַ מענטש, דו ביזט טאַקע געפאַלן, ווייל דו ביזט דאָך פאַרט אַ 'קרוץ מחומר', אָבער דו האָסט זיך געדאַרפט אויפשטעלן נאָכ'ן פאַלן... פאַרוואָס ביזטו געבליבן אַ געפאַלענער אויף דער ערד? שטיי אויף, און פאַנג אָן פון דאָס ניי, אַ נייע עבודה!

**אַזוי** זעהען מיר אויך פון פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מח, ב) "ויתחזק ישראל וישב על המטה", וואָס דער "בעל הטורים" ברענגט אויף דעם אַ "מסורה" - צוויי מאָל די ווערטער "על המיטה". דאָ, און אין מגילת אסתר (ז, ח) "והמן נופל על המיטה". זאָגט דער "בעל הטורים" פשט אין די "מסורה": "צדיקים, אפילו

---

**י.** דאָס לערנען מיר אויך פון די חנוכה-טעג, ווען מיר פסק'ענען אַזוי ווי די שיטה פון בית הלל (שבת כא:) "מוסיף והולך", מ'דאַרף צולייגן יעדע נאַכט נאָך אַ לעכטל. וואָס איז די הוספה, וואָס מיר זענען מוסיף יעדע נאַכט? נאָר אַ קליין לעכטל, ווייל אַזוי שטייגט מען אין עבודת ה', צוביסלעך, צוביסלעך, יעדן טאָג נאָך 'אַביסל', ביז מ'קומט אָן צום תכלית.

הרה"ק בעל "בית אהרן" זי"ע פון קאַרלין האָט געזאָגט, "אפס" איז דאָך גאָרנישט - אַ ליידיגע זאַך... אָבער אויב מ'לייגט אַריין אַ קליין פינטל אינעם "אפס", ווערט פון דעם "עפעס"... ווייל אַפילו אַ קליין 'פינטל' פון התחזקות, האָט אַ ווערד.

**יא.** דאָס איז אויך געוועזן דער חילוק צווישן יעקב אבינו ע"ה און זיין ברודער עשו, יעקב האָט געזאָגט (בראשית לג, יד) "ואני אתנהלה לאטי", איך וועל גיין 'צוביסלעך' און 'פאַמעלעך', און איך וועל נישט שפּרינגען צו מדרגות וואָס זענען נישט לויט מיין מאָס, אָבער עשו האָט געזאָגט (שם פסוק יב) "ואלכה לנגדך" - איך וועל גיין אַ סאַך העכער פון מיינע מדריגות, און צום סוף איז עשו טאַקע אַריינגעפאַלן אין טיפן גרוב.

ווען זיי זענען שוואַך, זענען זיי זיך מתחזק, אזוי ווי די פסוק זאָגט: ויתחזק ישראל וישב על המטה. אבער די רשעים, אפילו ווען זיי זענען שטאַרק, פאַלן זיי, ווי די פסוק זאָגט: והמן נופל על המיטה".

**קען** מען צוגעבן, אַז דאָס לערנט אונז אַז מ'דאַרף גוט איינקריצן אין מוח און אין האַרץ דעם חילוק צווישן אַ צדיק און אַ רשע, און מיר ווייסן דאָך אַז "ועמך כולם צדיקים" (ישעיה ס, כא), אַלע אידן זענען אין גדר פון "צדיקים", און אויב אַזוי, דאַרפן מיר זיך שטאַרקן און נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, ספּעציעל אין די טעג פון שובבי"ם.

**והוא הצעיר - ווען מען האַלט זיך קליין ווערט מען פטור פון אַלע יסורים**

"**ויראו** אחי יוסף כי מת אביהם... ויצוו אל יוסף לאמור... וילכו גם אחיו ויפלו לפניו ויאמרו הננו לך לעבדים" (נ, טז-יח).

**נאָכדעם** וואָס יעקב אבינו איז נסתלק געוואָרן, האָבן די ברודער מורא געהאַט אַז אפשר יעצט וועט יוסף זיך ח"ו וועלן נוקם זיין אין זיי. האָבן זיי געשיקט די בני בלהה אַלס שליחים צו יוסף זאָגענדיג אַז דער טאַטע יעקב, האָט געבעטן אַז ער זאָל זיי מוחל זיין און נישט טוהן קיין שלעכטס. און זיי זענען אויך אַליין געגאַנגען צו יוסף - ווי רש"י זאָגט - "גם אחיו - בנוסף על השליחות", אין צוגאָב צו די שליחות וואָס זיי האָבן געשיקט צו יוסף, זענען זיי געגאַנגען באַזונדער און געפאַלן פאַר זיינע פיס, זאָגנדיג, 'מיר זענען גרייט צו זיין דיינע קנעכט'.

**פרעגט** דער "שם משמואל" (פרשתינו, שנת תער"ב, עמוד ש"ה, ד"ה וילכו גם אחיו), פאַרוואָס זענען די שבטים געגאַנגען תיכף אַליין צו יוסף'ן און געזאָגט "הננו לך לעבדים", און זיי האָבן נישט געוואַרט ביז די שליחים וועלן צוריקקומען און איבערגעבן דעם ענטפער פון יוסף?

**ענטפערט** דער "שם משמואל", דער פסוק זאָגט (איכה ג, לג) "כי לא ענה מלבו ויגה בני איש", זאָגט דער תרגום "ארום מן בגלל דלא עני גבר ית נפשיה ואעדי זחוחה מלבי' בגין כן גרם לאסתקפא תבירא בבני אנשא", דער מענטש האָט פּראָבלעמען דערפאַר ווייל ער צוברעכט נישט זיין האַרץ.

**זאָגט** דער "שם משמואל", די הייליגע ברידער, די שבטי קה, האָבן מרגיש געווען אַז נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע תקופה פאַר כלל ישראל, און זיי האָבן באַגריפן אַז דער גלות קומט נאָר דערפאַר כדי זיי זאָלן מכניע זיין זייערע הערצער צו דעם אויבערשטען, האָבן זיי געטראַכט ביי זיך, אויב מ'דאַרף זיין בהכנעה, איז דאָך שוין בעסער זיך מכניע צו זיין פאַר יוסף הצדיק, איידער צו זיין אונטערטעניג צו די מצריים. דערפאַר האָבן זיי באַלד געזאָגט צו יוסף "הננו לך לעבדים", מיר ווילן זיך מכניע זיין פאַר יוסף הצדיק, און נישט פאַר פרעה הרשע, און מיט דעם וועלן מיר אָפּקומען אַלע צרות.

**דער** "שם משמואל" פירט אויס: "דאָס איז אַ גרויסער לימוד פאַר יעדן מענטש, ער זאָל ווערן אונטערטעניג אונטער דעם רצון פון דעם אויבערשטען, און מיט דעם וועט ער אַראָפּנעמען פון זיך אַלע צרות און פורעניות, און ער וועט נישט דאַרפן אָנקומען צו אַן אַנדערע הכנעה. און דאָס דאַרף מען יעצט געדענקען אין די טעג פון שובבי"ם, וואָס זענען טעג פון תיקון המעשים, אַז דאָס האַרץ זאָל ווערן אונטערטעניג צום באַשעפער, און דאָס איז בעסער ווי אַלע תעניתים וואָס מ'פאַסט אין די שובבי"ם-טעג".

**ענדליך** זאָגט דער מדרש (פסיקתא רבתי, פ"ג) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (מח, יד) "וישם על ראש אפרים והוא הצעיר", פאַרוואָס האָט יעקב געלייגט זיין האַנט אויף דעם קאָפּ פון אפרים, דעם יונגערן ברודער?

**זאָגט** דער מדרש: "ולמה זכה אפרים לכך?", פאַרוואָס האָט אפרים זוכה געווען צו דעם כבוד? "מפני שהיה ממעיט עצמו, שהקב"ה אוהב כל מי שמשפיל את עצמו". ווייל ער האָט זיך געהאַלטן קליין, און דער אויבערשטער האָט ליב יעדן מענטש וואָס האַלט זיך נידעריג. און דער מדרש ברענגט דעם פסוק (תהלים קלח, ו) "כי רם ה' ושפל יראה". דער אויבערשטער איז הויך, אָבער ער זעהט דעם מענטש וואָס האַלט זיך קליין.

"ומי לחשך שהיה משפיל את עצמו, שנאמר על ראש אפרים והוא הצעיר, שהיה ממעט את עצמו". ווער האָט דיר געזאָגט אַז אפרים האָט זיך געהאַלטן קליין? אויף דעם זאָגט דער פסוק, "על ראש אפרים והוא הצעיר", אפרים האָט זיך געהאַלטן קליין, אָבער מנשה איז געווען פאַרנומען מיט פירן זיין טאַטן'ס ענינים.

"אמר הקב"ה, הואיל ומיעט את עצמו, יזכה לכבוד הזה. ומה הקטן שהיה ממעט את עצמו זכה לכבוד הזה, גדול שממעט עצמו על אחת כמה וכמה". דער אויבערשטער האָט געזאָגט, וויבאַלד אפרים האָט זיך געהאַלטן קליין, וועט ער זוכה זיין צו דעם כבוד. און מה דאָך אַ קליינער מענטש וואָס האַלט זיך קליין איז זוכה צום דעם כבוד, איז דאָך אַ גרויסער מענטש וואָס האַלט זיך קליין, איז ער אַוודאי זוכה צו געניסן פון גרויס כבוד[יב].

**יושב אהלים - דער גרויסקייט פון לימוד התורה אין שובבי"ם**

**דער** בעסטער תיקון פאַר יעדן פגם, איז לימוד התורה.

**די** ספה"ק טייטשן די ווערטער פון רש"י ז"ל אָנהייב היינטיגע פרשה (מז, כח) "ויחי יעקב וגו', כיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד", ווען יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן, זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די אויגן און הערצער פון די אידן, צוליב די צרה פונעם שעבוד. די משנה זאָגט (אבות פ"ב, מ"ב) "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון", דאָס הייסט, אַז כדי דער מענטש זאָל זיך קענען שטאַרקן אויף זיין יצר הרע, דאַרף ער לערנען תורה, אָדער האָרעווען "על המחיה ועל הכלכלה" צו מאַכן פרנסה, אָבער דער מענטש וואָס לערנט נישט, אָדער ער אַרבעט נישט פאַר פרנסה, איז אין אַ סכנה ח"ו ווייל ער איז נאָנט נכשל צו ווערן מיט אַן עבירה.

**זאָגן** די ספה"ק, "יעקב" איז מרמז אויף לימוד התורה, ווייל ער איז דער "עמוד התורה", ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כה, כז) "ויעקב איש תם יושב אהלים". "כיון שנפטר יעקב אבינו", ווען דער מענטש זוכט צו "פטר'ן" זיך פון לימוד התורה, "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל" - קען מען "פאַרשטאָפּן" די אויגן און הערצער פון צו טוהן עבירות, דורך "צרת השעבוד", דורך אַרבעטן שווער, ווייל ווען מ'אַרבעט שווער, מאַכט מען שוואַכער דער כח פונעם יצר הרע אויף זיך. קומט אויס, אַז די משנה "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ" לערנט אונז די צוויי וועגן ווי אַזוי פטור צו ווערן פון דעם יצר הרע: לימוד התורה, און אַרבעטן פאַר פרנסה. נו, איז דאָך שוין פיל בעסער צו באַקעמפן דעם יצר הרע דורך יגיעה אין תורה, ווי איידער דורך האָרעווען שווער אויף די פרנסה[יג]...

---

**יב.** די גמרא זאָגט (סנהדרין צו.) אַז נבוכדנאצר הרשע האָט זוכה געווען - פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער, ביז דריי דורות - צו געוועלטיגן איבער דער גאַנצער וועלט, אַלס שכר דערפאַר ווייל ער איז געלאָפן דריי טריט פאַר'ן כבוד פון דעם אויבערשטען.

פרעגט דער בעל התניא זי"ע (תורה אור, פ' מקץ, ד"ה "ויהי מקץ השני") איז דען נישט דאָ אַ איד וואָס איז געגאַנגען דריי טריט פאַר דעם אויבערשטען, אַזוי ווי נבוכדנאצר הרשע? אויב אַזוי, פאַרוואָס ליידן אידן אַזוי פיל יסורים ל"ע?

ענטפערט דער בעל התניא, אַז די יסורים קומען נאָר מיט'ן ציל כדי מכניע צו זיין דעם מענטש, ער זאָל "אַראָפּלאָזן" פון זיין גסות הרוח, ווי די חז"ל זאָגן "טובה מרדות אחת בלבו של אדם", ווייל ווען ער זעהט אַז ער ליידט יסורים רח"ל ווערט ער בשפלות און איז זיך מכניע פאַר דעם אויבערשטען, און דאַן איז ער זייער חשוב ביי דעם אויבערשטען.

איז דאָך שוין אַ סאַך בעסער פאַר אונז אַז מיר זאָלן מכניע זיין אונזערע הערצער פאַר דעם אויבערשטען, און מיר וועלן זיך איינשפּאָרן אַזויפיל יסורים ח"ו, ווייל אויב דער מענטש איז זיך ממילא מכניע, האָט ער נישט די יסורים און אַלע שוועריגקייטן אין לעבן.

**יג.** דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל פלעגט זאָגן אויף די ווערטער פון די חז"ל (סוכה נב:) "אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש", אויב דער "מנוול" - דער יצר הרע - האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין דיר, זאָלסטו איהם אַריינשלעפּן אין בית המדרש. איז שווער, וואָס פאַרדינט מען אויב מ'גייט אַריין אין בית המדרש

**דער** רמ"ע מפאנו זי"ע זאָגט (מאמר צבאות ה', כח) אויפ'ן פסוק (בראשית כה, כז) "ויעקב איש תם יושב אהלים", "פון אַלע זכותים פון יעקב אבינו ע"ה, זיין תורה און מעשים טובים, זאָגט דער פסוק אויף איהם נאָר דעם שבח "יושב אהלים" ער איז געזעסן אין די געצעלטן פון תורה, ווייל ס'איז גרויס, דער ענין פון זיצן אין שוהל און אין בית המדרש, אפילו אויב מ'לערנט נישט אָדער מ'דאַווענט נישט"..! עכ"ל.

**פון** דעם קומט אויס, אַז דאָס זיך געפינען אין בית המדרש, איז יעקב'ס "ענטפער" צו עשו און די כוחות הטומאה. פארשטייט זיך אַוודאי, ווען מ'לערנט און מ'דאַווענט יאָ אין שול, ווי ס'איז מרומז אין פסוק, "אשרי יושבי ביתך", וואויל איז דעם מענטש וואָס "זיצט" אין דעם אויבערשטען'ס הויז - דאָס בית המדרש. אָבער "עוד" - נאָך מער חשוב איז אויב "יהללוך סלה", מ'לויבט דעם אויבערשטען דורך תורה ותפילה[יד].

**אויך** דאַרפן מיר געדענקען, אַז וואָס מער מ'זוכט צו געפינען די תורה, אַזוי שטייגט מען אין תורה מער און מער, ווי דער רבינו יונה זאָגט אין זיין ביאור אויף ספר משלי (ב, ד) אויפ'ן פסוק: "אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה, אז תבין יראת ה' ודעת אלוקים תמצא". שלמה המלך ע"ה, דער "חכם מכל האדם", מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זוכן יראת ה' און "דעת אלוקים", און זוכן זילבער און באַהאַלטענע אוצרות. אונז צו לערנען, אַז פונקט ווי ווען מ'וועט זאָגן פאַר אַ מענטש אַז עס איז דאָ אַ באַהאַלטענער אוצר אין אַ הויז אָדער אין אַ טאָל, און ער קען אין אַ מינוט ווערן רייך, וועט ער נישט שפירן קיין שום טירחא און האָרעוואַניע צו גיין זוכן דעם אוצר, אַזוי דאַרף מען לערנען תורה מיט ליבשאַפט און חשקות, און נישט שפירן אַ טירחא דערביי, און אַזוי קען מען פאַרשטיין יראת ה' און געפינען "דעת אלוקים"[טו].

---

צוזאַמען מיט'ן יצר הרע, וואָס די חז"ל זאָגן "משכהו" – 'שלעפ' איהם מיט דיר אין בית המדרש? האָט רבי שלמה זלמן געענטפערט, אַז דער יצר הרע וואָס קומט אַריין אין בית המדרש, איז טאַקע אויך אַ ביטערער יצר, אָבער אַ "מנוול" איז ער נישט... אין שול, קען ער נישט איבעררעדן דעם מענטש צו טוהן די זעלבע עבירות וואָס ער רעדט איהם איבער ווען ער געפינט זיך אינדרויסן, אויף דער גאַס...

מ'קען דאָס פארשטיין, ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט להלכה (או"ח סי' קנא, ס"א) אַז דאָס עצם זיצן "בבית ה'" - אין בית המדרש, איז אַ מצוה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פד, ה) "אשרי יושבי ביתך". נאר זיך צו געפינען אין שול, הייליגט און דערהייבט דעם מענטש, און עס ראַטעווועט איהם פונעם יצר הרע.

**יד.** אַ בחור וואָס איז געקומען צום באַשלוס אַז ווייבאַלד ער האָט נישט קיין כח און חשק צו לערנען, האָט ער נישט וואָס צו זוכן אין ישיבה, האָט גערעדט מיט מיר, און איך האָב איהם געזאָגט אַ משל צו אַ מענטש וואָס פאָרט פון איין שטאָט צו די אַנדערע, און אינמיטן וועג איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ "טראַפיק", איז דאָך פשוט, אַז ער וועט נישט זאָגן, ווייבאַלד איך האָב אַזאַ גרויסן טראַפיק אויפ'ן וועג, האָב איך נישט וואָס צו זיצן אין אויטאָ... כ'וועל אַרויסגיין פון די קאַר, און כ'וועל וואַרטן אַביסל אינדרויסן אויף די היץ. איז דאָך נאַריש אַזוי צו זאָגן, ווייל אינדרויסן איז אומדערטרעגליך הייס, און אין די קאַר האָט ער כאָטש אַ גוטן "עיר קאָנדישאָנער". דער נמשל איז קלאָר, אויך אויב עס איהם נישט גוט אין ישיבה, ער זעהט ליידער נישט קיין הצלחה אין זיינע לימודים, דאַרף ער וויסן אַז פונדעסטוועגן, איז בעסער פאַר איהם צו פאַרבלייבן אין דעם מערסט געהיטענעם פלאַץ אויף דער וועלט - די ישיבה און בית המדרש.

(אגב, איז כדאי נאָכצוזאָגן דאָ וואָס עס האָט געזאָגט הגה"צ רבי אליהו דעסלער זצ"ל, בעל "מכתב מאליהו" און משגיח אין דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגן אַז חם האָט עובר געווען אויפ'ן אויבערשטען'ס ציווי נאָך אין די תיבה, אָבער פונדעסטוועגן, איז ער נישט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די תיבה, ווייל ווען עס הערשט אינדרויסן אַ מבול, "וואַרפט מען נישט אַרויס אַ מענטש פון אַ תיבה...". דאָס זעלבע אין אונזער צייט, ווען עס בושעוועט אַ 'מבול' פון פינצטערניש אויף דער גאַס, "מחוץ תשכל חרב" רח"ל, דאַרף מען גוט איבערטראַכטן איידער מ'וואַרפט אַרויס אַ בחור פון אַ ישיבה...).

**טו.** אַמאָל חנוכה, נאָך הדלקת הנרות, האָט הרה"ק בעל "אבני נזר" זי"ע געזוכט זיין זון, דעם שפעטערדיגן סאָכאטשאָווער רבי'ן, הרה"ק בעל "שם משמואל" זי"ע, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַ יונג קינד, און נאָך זוכענישן, האָט ער איהם געטראָפן ווי ער זיצט און שפילט "דריידל" מיט אַנדערע קינדער פון זיין עלטער. דאָס קינד האָט זיך געשעמט פאַר'ן טאַטן, אַז ער פאַרברענגט די צייט מיט "דריידל" שפילן, און אויך דער טאַטע -

לויט דעם טייטשן די ספרים די ווערטער פון די חז"ל (פרקי דר"א פ"א) אַז רבי אליעזר בן הורקנוס, האָט ביז ער איז אַלט געוואָרן 28 יאָר, נישט געלערנט מקרא און משנה, און נישט געוויסט אַפילו די צורה פון אַן אות. ער האָט אַ גאַנצן טאָג אַרויסגעהאָלפן זיין טאַטן מיט די אַרבעט אויפ'ן פעלד. ער האָט אָבער כסדר געוויינט, ווייל זיין האַרץ האָט געברענט אין איהם צו קענען לערנען תורה, ביז אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן צו איהם, און ער האָט איהם באַפוילן איבערצולאָזן זיין פאָטער'ס הויז און גיין קיין ירושלים, צו לערנען תורה ביי רבי יוחנן בן זכאי. ער האָט אַזוי געטוהן, און דאָרט, ביי רבי יוחנן בן זכאי, איז ער אויסגעשטיגן אין לערנען ביז צו די העכסטע מדריגות.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב מ'האָט שוין יאָ געשיקט אליהו הנביא, פאַרוואָס האָט מען איהם נישט געשיקט אַז ער זאָל קודם אויסלערנען רבי אליעזר די אותיות פון אלף-בית, און דערנאָך קריאת שמע, און ברכת המזון, און אַזוי ווייטער, אַזוי ווי מ'לערנט מיט קליינע קינדער? פאַרוואָס האָט ער איהם באַלד געשיקט לערנען אין דער ישיבה פון רבי יוחנן בן זכאי, וואו עס האָבן זיך געפונען די גרעסטע תנאים, גדולי התורה?

**איז** דער תירוץ, אַז ווען מ'האָט געזעהן אין הימל זיין גרויסן חשק און השתוקקות פאַר די תורה, אויף אַזוי ווייט אַז ער האָט זיך געלאָזט אויסהונגערן פאַר די תורה (ווי עס ווערט דערציילט דאָרט, אין פרקי דרבי אליעזר), מיט אַזאַ רצון איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט מצליח זיין און שטייגן אין תורה, און עס וועלן מיט איהם פאַסירן ניסים ונפלאות. און אַזוי האָט רבי יוחנן בן זכאי טאַקע געזאָגט צו איהם: "בני, כשם שעלה ריח מפיך מלפני, כך יעלה ריח חוקי תורה מפיך לשמים" - מיין קינד, פונקט אַזוי ווי ס'איז אַרויפגעגאַנגען אַ ריח פון דיין מויל פאַר מיר, אַזוי זאָל דער ריח פון

---

דער הייליגער "אבני נזר" - איז נישט געווען איבריג צופרידן צו זעהן ווי זיין זון פאַרברענגט די צייט מיט נאַרישקייטן. האָט דער "אבני נזר" געזאָגט צו זיין זון, דעם "שם משמואל":

- וויסן זאָלסטו, מיין קינד, אַז אַלע שפּילצייגן זענען געברענגט געוואָרן אויף דער וועלט דורך די חכמים פון די יוונים. די רשעים האָבן געוואָלט מאַכן פאַרגעסן פון די אידן די הייליגע תורה, און זיי האָבן געוואוסט אַז אידן וועלן נישט וועלן פאַרלאָזן דת משה מורשה, די הייליגע תורה, ווייל דאַן וועלן זיי דאָך נישט האָבן קיין צופרידנהייט אין לעבן. וועגן דעם האָבן זיי אויפגעטריבן דעם "דריידל" און ענליכע שפּילערייען, וואָס זיי האָבן צוביסלעך, צוביסלעך אַריינגעברענגט צווישן אידישע קינדער, אַז די יונגע קינדער זאָלן זיך שפּילן דערמיט "בין הסדרים", ביז צום סוף וועלן זיי חלילה קענען באַוויזן צו מאַכן פאַרגעסן די תורה פון די אידן, אַז זיי זאָלן האָבן צופרידנהייט פון פאַרטרייבן די צייט מיט'ן שפּילן.

- נאָך דעם ווי מלכות בית חשמונאי האָט באַזיגט די טמא'נע יוונים, האָבן זיי באַשטימט די צעהן טעג פון חנוכה אַלס אַ זכר פאַר'ן נס, און פונקט ווי ביים יום טוב פסח, האָט די תורה געגעבן די מצוה פון עסן מצה, אַלס זכר צום נס פון "כי גורשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה", און דערפאַר האָבן זיי שנעל אָפּגעבאַקן "עוגות מצות כי לא חמץ", און מיר האָבן באַקומען די מצוה צו עסן מרור על שם "וימררו את חייהם", וואָס די מצריים האָבן שווער געאַרבעט מיט די אידן אין מצרים, אַזוי האָבן די חז"ל קובע געווען אין חנוכה, צו צינדן חנוכה-לעכט אַלס זכר צום נס וואָס מ'האָט געפונען אַ קריגל אויל וואָס איז פאַרבליבן טהור, און דעם "דריידל" שפּיל אַלס זכר צו די צרה וואָס די יוונים האָבן געוואָלט גורם זיין אַז אידישע קינדער זאָלן פאַרגעסן די תורה.

- ביי פסח, געפינען מיר טאַקע אַז מ'האָט קובע געווען צו עסן מצה זיבן טעג, אַלס זכר צום נס, אָבער פאַר די צרה האָט מען געמאַכט נאָר אַ קליינעם זכר - צו עסן מרור, קוים אַ כזית, ווייל די צרה איז נישט מער ווי אַ צייכן און אַן אָנדענק, און עס פעלט נישט אויס אַ "הידור" אינעם זכר פון די צרה. דאַרף מען דעריבער טוהן דאָס זעלבע אויך ביי חנוכה, צו פאַרמערן דאָס צינדן די חנוכה-לעכט, און פאַרמינערן וואָס מער פון דערמאַנען די צרה פון שכחת התורה וואָס די יוונים האָבן געוואָלט גורם זיין, דורך שפּילן "דריידל".

בדרך אגב קענען מיר פון די מעשה אויך לערנען אַ לימוד אין חובת החינוך, ווי מ'דאַרף ערציען די קינדער, ווייל דער "אבני נזר" האָט זיך נישט געבייזערט אויף זיין זון און ער האָט נישט גערעדט מיט איהם שאַרפע רייד, נאָר ווייכע רייד.

די געזעצן פון די תורה אַרויפגיין פון דיין מויל צום הימל.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין אַריינצוגיין אין די שובבי"ם-טעג מיט אַ התלהבות דקדושה, און צו שטייגן און זיך הייליגן בקדושה של מעלה, דורך לערנען די הייליגע תורה, און דורך אמונה שלימה, און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו ביאת גואל צדק, אמן, כן יהי רצון.